בס"ד, שיחת ש"פ פנחס, מבה"ח מנ"א, תשמ"א. <u>הנחה בלתי מוגה</u>.

א. אין היינטיקע סדרה דערציילט ער, אז איבער דעם וואס פנחס בן אלעזר גו' השיב את חמתי, דערפאר הנני נותן לו את בריתי שלום. דארף מען פארשטיין, וואס איז דא דער אופטוא פון פנחס'ן דוקא, אויף משה'ן ווערט דאך אויך דערציילט אין די פריערדיקע סדרות בארוכה ווי כמה וכמה פעמים האט ער אראפגענומען חמתו של הקב"ה פון אידן, און אעפ"כ געפינט מען ניט מען זאל אים געבען פאר דער עבודה, דעם שכר פון בריתי שלום.

נאר מערער, בא פנחס'ן שטייט דאך אז מען האט אים געגעבען בריתי שלום לו ולזרעו עד עולם, און וועגן משה דערציילט דער מדרש, אזיבשעת משה האט געבעטען פאר זיינע קינדער, האט מען אים געענטפערט, נוצר תאנה יאכל פרי', און מען האט אים געהייסן סמכין זיין יהושע'ן, ווי עס דערציילט זיך אין היינטיקע סדרה.

הייסט דאך דאס, אז ניט נאר וואס מען געפינט ניט, מען זאל געבען משה'ן דעם שכר פון בריתי שלום, נאר אדרבה, מען געפינט בפירוש אז מען האט עס אים ניט געגעבען, איז דאך ניט פארשטאנדיק, בא אים איז דאך אויך געווען דער השיב את חמתי, איז וואס איז דער אופטוא פון פנחס'ן דוקא?

אויך איז ניט פארשטאנדיק דער לשון הכתוב את בריתי שלום, דלכאורה וואלט געווען מספיק ער זאל זאגן ברית, און נאך וואס דארף ער זאגן בריתי (בתוספות יו"ד)?

ב. וועט מען עס פארשטיין בהקדים דער חילוק פון עבודה דמשה ביז עבודה דפנחס.

משה האט משיב געווען את חמתו של הקב"ה, דורך דעם וואס ער האט מתפלל געווען צום אויבערשטען, און דורך דעם האט ער געפועלט אז <u>מלמעלה</u> איז דאס אראפגענומען געווארען. פנחס האט עס אויפגעטאן, דורך דעם וואס ער האט געפועלט בא אידן, מלמטה, אז זיי האבן תשובה געטאן.

וואס דאס איז דאך די שייכות פון פנחס מיט אלי', ווי ער זאגט אין מדרש אז מען האט מצרף געווען פנחס צו אלי', וואס דערפאר איז דאך אויך די הפטרה פון פ' פנחס די מעשה ווי אלי' הנביא האט מחזיר געווען אידן בתשובה, (די הפטרה וואס מען האט געזאגט היינט איז ניט נוגע צו פ' פנחס, נאר צו בין המצרים), תשובה מלמטה למעלה.

נאך א חילוק געפינט מען צווישן די עבודה דפנחס מיט עבודה דמשה, אז בא פנחס'ן איז געווען מסירת נפש, ווי עס דערציילט זיך אין מדרש, אז שבט שמעון האט געהאט צו אים טענות, און מען האט אים מבזה געווען, מען האט געטענהט אז ער איז מבני בניו של אותו שפיטם כו', ורצו להורגו, און פונדעסטוועגן האט ער זיך איינגעשטעלט במסירת נפש, ד.ה. פשוט מיט מסירת הגוף, בכדי לקנא קנאת ה' צבאות.

וואס בא משה'ן געפינט מען דאס ניט, אע"פ אז עס שטייט ויחל משה, ויחל מלשון חולה, אז ער האט אויף אזוי פיל מתפלל געווען ביז אז נחלה בגופו, אעפ"כ איז דאך דאס ניט קיין ענין פון מס"נ בפועל.

איז ניט דער פסט אז בא אים וואלט עס ניט געווען ח"ו, - א

הנחה בלתי מוגה

ודאי אז אויב כען וואלט דארפן אנקומען צו כס"נ בפועל, וואלט עס בא אים ניט געפעלט, אבער לפועל געפינט מען ניט אז בא אים זאל זיין דער ענין, ווייל ניט אין דעם איז באשטאנען זיין עבודה, כדלהלן.

ג. די נקודת הביאור פון די צוויי חילוקים איז: משה׳ס עבודה איז געווען כלכעלה למטה, עבודתו בעצמו איז געווען בדרך מלמעלמ"ט. מצד הנשמה. און אזוי אויך וואס ער האט אויפגעטאן אין אידן, איז דאס אויך געווען בדרך מלמעלמ"ט, משה קבל תורה מסיני און ער האט געגעבען תורה צו אידן, און דורך דעם האט ער במילא אראפגענומען די אלע ענינים הבלתי רצויים, ווארום אפילו מעט אור דוחה הרבה הושך, ומכ"ש בשעת מען איז מגלה א ריבוי אור.

פנחס׳ס עבודה איז געווען בדרך מלמטלמ"ע, מצד הגוף, וכמבואר במ"א בארוכה בענין אלי׳ הנביא, וואס פנחס זה אלי׳, אז אלי׳ עבודה איז געווען די עבודה שמצד שם ב"ן, וואס דאס איז עבודה שמצד הגוף.

וואס מצד דעם זיינען ארוסגעקומען די צוויי חילוקים הנ"ל: בשעת די עבודה איז בדרך מלמעלמ"ט, מצד גילוי אור, איז די עבודה בא זיך, א עבודה שמצד הנשמה, און די עבודה פון מס"נ איז אלץ מצד הנשמה, וואס דאס איז דאך דער מס"נ וואס עס האט זיך אויסגעדריקט בא משה רבינו, ואם אין מחני נא מספרך אשר כתבת, וואס דאס איז דער מס"נ וביטול של הנשמה, און אזוי אויך די עבודה וואס מען טוהט מיט אידן איז אויך בדרך גילוי אור מלמעל"ט. וואס במילא בשעת מען דארף אראפנעמען חמתו של הקב"ה מישראל טוהט מען עס דורך תפלה וועלכע מען בעט אויס למעלה.

בשעת אבער די עבודה איז בדרך מלמטלמ"ע איז די עבודה בא זיך, א עבודה שמצד הגוף, און דער מס"נ איז דער ביטול ומסירת הגוף, און אזוי אויך דאס וואס מען טוהט אויף אין אידן, איז דאס די תנועה פון תשובה, אז מען טוהט אויף אין דעם מטה, ביז אין דעם מטה היותר תחתון, אז אויך זיי זאלן השובה טאן, שטייך אין דער תנועה פון עלי׳ מלמטלמ"ע.

וואס דאס איז וואס עס שטייט אויף פנחס׳ן בקנאו את קנאתי בתוכם, אין זיי גופא, אז אפילו שבט שמעון שרצו להורגו, וואס זייער מצב הרוחני איז דאך מובן פון מעשה זמרי, וואס זמרי איז דאך געווען זייער נשיא, וואס א נשיא איז דאך כולל בתוכו את כל השבט, ואעפ"כ האט פנחס געפועלט אפילו אין זיי דעם ענין התשובה.

ד. די נ"מ אין דער הוצאה וואס עס קומט ארויס פון די צוויי אופנים איז:

בשעת מען גייט מיטן סדר פון מלמעלמ"ט, איז בשעת מעשה טאקע מאיר א גילוי אור, אבער וויבאלד אז דער מטה אליין איז ניט נזדכך געווארן, איז דאך רעכט אז נאך דעם וואס דער גילוי ווערט נפסק. איז ער צוריק כבתחילה.

וואס אזוי איז דאך געווען בא מ"ת שניתנה ע"י משה רבינו, אז בשעת מ"ת איז טאקע פסקה זוהמתן, אבער דערנאך איז געווען דער חטא העגל ושבירת הלוחות, זואס יעמולט חזרה הזוהמא, און דערפון איז דאך ארויסגעקומען אויך דער ענין פון בין המצרים.

הנחה בלתי מוגה

ועד"ז, אויך בכל אחד ואחד, בשעת ער טוהט אין ענינים שמצד הנשמה עצמה, אזוי ווי תורה ותפלה, איז דערנאך בשעת ער קוקט צו עניני אכילה ושתי׳, עניני העולם, איז וויבאלד אז דעם גוף האט ער ניט מזכך געווען, איז רעכט אז ער זאל איבערפאלן.

משא"כ, בשעת ס׳איז דא די עבודה מלמטלמ"ע, דער זיכוך הכסה, איז דאס איז דאך א ענין וואס עס האט קיין מאל קיין הפסק ניט, ווארום דער מסה אליין איז דאך נזדכך געווארן.

וואס בכללות איז דאס איז דאך די מעלה פון בע"ת אויף צדיקים גמורים, שבמקום שבע"ת עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, מצד די מעלה וואס ס׳איז דא אין דער עבודה פון זיכוך הכסה. וואס דערפאר שטייט דאך אויך אז בשעת אלי׳ האט מחזיר געווען די אידן בתשובה, האבן אלע געזאגט צוויי מאל הוי׳ הוא האלקים, כפלים לתושי׳, וואס דאס איז דאך אויך די מעלה פון לחות האחרונות - תשובה - אויף די לוחות הראשונות, שבלחות הראשונות וואלט געווען מערניט ווי חמשה חומשי תורה וספר יהושע. און אין די לחות שניות האט מען געגעבן מדרשים וכו׳. כפלים לתושי׳.

ה. און דאס איז דער אופטוא פון פנחס׳ן אויף משה׳ן. אז באאים איז געווען די עבודה שמצד המסה.

וואס דערמיט וועט מען אויך פארשטיין וואס עס שטייט אין קבלה. אז פנחס האט מתקן געווען דעם חטא פון נדב ואביהו. איז דער ביאור אין דעם: דער חטא פון נדב ואביהו איז געווען שנכנסו שהויי יין למקדש. נכנס יין יצא סוד, ד.ה. אז בא זיי איז געווען גילוי רזין ורזין דרזין, אבער אלץ מערניט ווי מצד הנשמה, די נשמה איז געשטא-נען אין א כליון צו אלקות, און צום גוף האט עס קיין שייכות ניט געהאט. שריפת הנשמה, וגוף קיים. די נשמה איז נשרף געווארען אין איהר כליון צום אויבערשטען, און דער גוף איז געבליבן במצבו. וואס מצד דעם איז דאך אויך דער עונש בא זיי אויך געווען שריפת נשמה וגוף קיים. ווייל די עונשים שמלמעלה זיינען מדה כנגד מדה. און דורך דעם וואס בא פנחס׳ן, איז געווען דער מס"נ שמצד הגוף, איז דאס געווען א תיקון על חטא נדב ואביהו.

און וויבאלד אז באאים איז געווען די עבודה שמצד הגוף, איז דאס א ענין שאינו נפסק לעולם, כנ"ל. דערפאר האט מען אים געגעבן את בריתי שלום לו ולזרעו עד עולם. און דאס איז אויך וואס עס שטייט בריתי בתוס׳ יו"ד, להדגיש אז דאס מיינט מען <u>דעם אויבערשטינס</u> ברית, שאינו נפסק לעולם, וכמ"ש ברית שלומי לא תמוט.

ו. די הוראה מהנ"ל בעבודהינו איז:

פראן אזוינע וואס טועהן נאר מיט טוב, אין תורה ותפלה, וכדומה. איז וויבאלד אז דאס זיינען ענינים שמצד הנשמה, און דעם גוף האבן זיי ניט צוגעגרייט און באווארענט, איז הגם אז בשעת התורה והתפלה איז מאיר דער אור, איז אבער שפעטער, בשעת ער קומט און האט צוטאן מיט עניני עולם, וואס דאס איז דאך פראן בא אלעמען, אפי׳ בא יושבי אוהל, ומכ"ש בא בעלי עסק, איז שייך אז די עניני העולם זאלן אים מגשם זיין. דארפן, דארף זיין אז מען דארף מיט די עניני העולם, מאכן זיי גופא פאר כלים צו אלקות, דורך דעם וואס כל עניני העולם, אכילה שתי׳ וכו׳, וועלן זיין לשם שמים.

הנחה בלתי מוגה

די זעלבע זאך איז בכללות יותר: עס קען זיין אז בא זיך אליין באווארענט ער טאקע אלע ענינים, נים נאר תורה ותפלה, ענינים שבצד הנשמה נאר אויך די עניני הגוף וחלקו בעולם. אבער ער שטיים נאר אין זיינע ד׳ אמות, ער טוהט נים כיטן זולת און כיטן חוץ, ובבילא איז אז עס זאל זיך אים מאכן ער זאל האבן צוטאן כיטן חוץ, קען אים דער חוץ מוריד זיין. דארפן דארף זיין אז מען זאל האבן צוטאן מיטן חוץ, ביז מיטן חוץ שאין למטה ממנו, און אויך דארטן מפיץ זיין די מעינות כו׳ (חסר קצת).

וואס דאס איז די כללות ההוראה פון פנחס זה אלי׳, דער אופטוא פון פנחס׳ן אויף כשה׳ן, אז כצד דעם ענין פון מ"ת כלמעלמ"ט, האט געקענט זיין שפעטער דער חטא העגל ושבירת הלוחות, וואס כצד דעם איז ארויסגעקוכען דער ענין פון בין המצרים, מסא"כ דורך דער עבודה פון פנחס זה אלי׳, הנועה ההכובה מלמטלמ"ע, איז דאס וועט דאך ברייננען בקרוב דעם מבשר טוב אלי׳, וואס ער וועט אונדז אנזאגן די גאולה השלימה, א גאולה לעולם, וואס אין איהר איז נים שייך קיין הפסק ח"ו.

ז. אין היינטיקע הפטרה, וואס איז שייך צו בין המצרים, דערציילט זיך באריכות ווי אזוי ירמי׳ איז געווארן א נביא. אז דער אויבערש-טער האט אים געזאגט אז נאך בטרם אצרך בבטן ידעתיך גו׳ נביא לגוים נתתיך און בשעת ירמי׳ האט גע׳טענה׳ט נער אנכי, האט אים דער אוי-בערשטער געענטפערט, אל האמר נער אנכי גו׳ כי אתך אני, דו גייסט נים מים דיינע כחות נאר מים מיינע כחות וכצד דעם איז הפקדתיך גו׳ על הגוים גו׳ לנתוש ולנתוץ גו׳ לבנות ולנטוע, ד.ה. אין אלע קוין, סיי אין קו השלילה (לנתוש ולנתוץ גו׳), סיי אין קו החיוב (לבנות ולנטוע).

ולכאורה איז נים מובן, תורה איז דאך מלשון הוראה, אז אלע ענינים און אויך די סיפורים שבתורה זיינען א הוראה בעבודתינו עד סוף כל הדורות, ד.ה. אז תורה איז נים ח"ו א בוך וואו עס דערציילט זיך סיפורים וועלכע האבן פאסירט אמאל, מים יארן צוריק, און היינט איז דאס נים נוגע ח"ו, נאר דאס איז א הוראה על כל הדורות, איז דאך נים מובן, וואס איז נוגע אונז צו וויסן די גאנצע אריכות הסי-פור ווי אזוי ירמי׳ איז געווארן א נביא.

דלכאורה איז נוגע מערנים ווי די לעצטע צוויי פסוקים, זכרתי לך חסד נעוריך וואס מצד דעם איז דער אויבערשטער מציל אידן, בכל המצבים אין וועלכע אידן זאלן זיך נים געפינען, און קדש ישראל להוי׳, וואס מצד דעם איז די אלע וואס טשעפען אידן איז כלשון הפסוק כל אוכליו יאשמו גו׳, אבער וואס איז נוגע די גאנצע אריכות הדברים ווי אזוי ירמי׳ איז געווארן א נביא?

נוסף אויף דעם, אז וויבאלד דער סיפור איז אריינגעשטעלט אין תורה איז בהכרח אז אזוי ווי אלע ענינים פון תורה, איז דאס א הוראה בעבודה, נוסף לזה, פון דעם וואס די הפטרה האט מען קובע געווען צו לייענען אין דעם ערשטען שבת פון בין המצרים, איז מוכרח אז דאס איז נוגע צו בין המצרים ביחוד. און די שייכות פון דער הפטרה צו בין המצרים, איז נים נאר די לעצטע צווי פסוקים, נאר אויך די אריכות הסיפור וועלכע עס דערציילט זיך פריער, ווארום דאס איז דאך דער רוב ועיקר ההפטרה?

הנחה בלתי מוגה

אין כדרש קשיא, אז צוליב וואס דערציילט די תורה די אדיכות ווי אזוי ירמי' איז געווארן א נביא, ווייל'ע אזוי ווי ס'איז געווען טענות אויף ירמי' וואס מען האט גע'טענה'ט און בבזה געווען אים אז ער שטאמט פון רחב'ן, דערפאר איז דער פסוק אים מייחס אז ער איז בן הכהנים אכר בענתות, און אז בסדם הצא מרחם הקדשתיך וגו'. - דוגמת ווי פנחס, אז לפי שהיו מבזין אותו, זאגט ער זיין גאנצען יחוס, פנחס בן אלעזר בן אהרן הכהן.

דאס גיט נאך אבער אלץ ניט צו פארשטיין, וואס איז די הוראה דערפון בעבודתינו בדורנו זה?

אויף צו קענען כעריך זיין וואס פאר א ערך האט געהאט ירמי' הנביא בדורנו, קען מען פארשטיין פון דעם וואס עס דערציילן רז"ל, אז בשעת ירמי' הנביא האט געוואלט מיט גיין מיט די אידן אין גלות בבל, האט אים דער אויבערשטער געזאגט, אז אויב ירמי' וועט גיין, יעמולט וועט די שכינה ניט גיין, נאר בשעת אז ער וועט זיין אין א"י, אדער אין מצרים, יעמולט וועט דארפן די שכינה מיטגיין מיט די אידן אין בבל, כמרז"ל גלו לבבל שכינה עמהם, ד.ה. אז ירמי' האט פארטראטן די שכינה, וואס דערפאר איז בשעת אז ירמי' גייט, דארף די שכינה ניט גיין, ווארום מצד דעם וואס ירמי' גייט, איז דאס אליין הייסט שוין אז די שכינה איז מיט אידן, ווארום היינו הך.

דער טייטש פון שכינה איז דאך מלשון ושכנתי בתוכם, ד.ה. אז דער כללות'דיקער פארבונד פון אויבערשטען מיט אידן, דאס ווערט אנגערופן בשם שכינה. און דאס איז געווען מדריגת ירמי'.

וואס פון דעם איז דאך מובן, אז בשעת תורה דערציילט אונדז א סיפור וועגען ירמי' הנביא, איז דאס א הוראה ניט נאר פאר יחידי סגולה פון אידן, ניט נאר פאר געוויסע סוגים, נאר דאס איז א הוראה פאר כללות ישראל, און פאר כל אחד ואחד מישראל.

ח. וועט מען עס פארשטיין, עפ"י מה דאיתא בספרי הקבלה, און אויך ב"ק מו"ח אדמו"ר האט עס געזאגט כמה פעמים, אז ירמי' איז מלשון מר, און דאס גייט אויף אידן בזמן הגלות. וואס דאס איז דער חילוק פון ישעי' מיט ירמי', אז ישעי'ס נבואה איז געווען וועגען די גאולה, ונרמז בשמו - ישעי' מלשון ישועה, און ירמי'ס נבואה איז געווען וועגען דעם גלות, ונרמז בשמו - ירמי' מלשון מר.

דאס הייסט אז א נשמה כמו שירדה בגוף ונה"ב, וואס דאס אליין איז דאך א ירידה, ובפרט נאך מצד דעם וואס בא אים איז געווען די התגברות הגוף והנה"ב כו', ובפרטיות יותר אין דעם זמן הגלות, דאן ווערט אנגערופן די נשמה בשם ירמי' - מר לי מר.

און אויף דעם זאגט דער אויבערשטער צו יעדער אידן, נביא לגוים נתתיך, אז וואס איז געווען די כונה פון ירידת הנשמה למטה בכלל און פון זמן הגלות בפרט, אז אידן זאלן מאכן פון דער גאנצער וועלט, א כלי צו אלקות.

ובפרטיות יותר, איז פראן 'דער לגוים וואס בא זיך אליין, כמ"ש הגוי אשר בקרבך, ד.ה. מברר זיין און מעלה זיין, זיין אייגענעם גוי, דעם גוף ונה"ב, אז ניט נאר בשעת התורה והתפלה זאל ער זיין א איד כדבעי נאר אויך נביא לגוים נתתיך, בשעת ער האט צוטאן

מיט אכילה ושתי׳ וכו׳, זאל ער אויך דערפון מאכן כלים צו אלקות, אז כל עניניו זאלן זיין לשם שמים, ביז אז ער זאל ניט הערן דעם גשמיות׳דיקן געשמאק פון דעם מאכל, נאר ער זאל הערן די געטליכקייט וואס אין דעם.

און אלעס א הקדמה צו דעם ציווי פון נביא לגוים נתתיך, זאגט דער אויבערשטער, בטרם אצרך גו׳ הקדשתיך, אז אע"פ אז דו געפינסט זיך למטה אין א גוף ונה"ב, און אין זמן הגלות בפרט, פונדעסטוועגן האסטו ניט וואס צו נתפעל ווערן און צו שרעקן זיך, ווײַלע קודש ישראל להוי׳, און בטרם אצרך גו׳, א איד נאך איידער ער ווערט געבארן האט ער שוין א הייליקע נשמה, א חלק אלקה ממעל ממש, און נאך בטרם צאתו מרחם אמו איז מלמדין אותו כל התורה כולה.

איז כאטש טאקע אז בא מלאך וסטרו על פיו און פארגעסט די גאנצע תורה וואס ער האט געלערנט, איז דאס אבער מערניט ווי בגלוי, אבער בפנימיות איז דאך בא אים דער ענין געבליבן, און דאס איז א נהינח כח ער זאל קענען ווייטער לערנען תורה און כובש זיין את הגוים ואת הממלכות, מאכן פון די גאנצע וועלט א דירה לו ית׳,

וע"ד הידוע דער ווארט פון רבי׳ן, וואס ער האט געזאגט בשעת מען האט עם פארשיקט אין קאסטראמא, אז נאר די גופים* געגאנגען אין גלות, אבער ניט די נשמות. ולכאורה, איז וואס איז דער אופטוא אין דעם? קיום התומ"צ דארף דאך זיין אין א גוף דוקא, הפילין דארף מען לייגן אויף א יד גשמי דוקא, תלמוד תורה דארף אויך זיין בדיבור בפה הגשמי, און אפילו במחשבה דארף דאך דאס אויך זיין מיט דער מחשבה שבמוחו הגשמי, דאס וואס א נשמה למעלה לערנט תורה איז ניט דאס איז די מ׳וה פון תלמוד תורה. הײַנט וויבאלד אז קיום התומ"צ דארף זיין אין א גוף דוקא, און דעם גוף האט מען דאך יע פארשיקט אין גלות, איז וואס איז די תועלת פון דעם וואס די נשמה איז ניט אין גלות?

נאר דער פירוש איז, אז מצד דעם וואס די נשמה איז ניט אין גלות, איז בשעת דער גוף ווערט נגרר אחר הנשמה, העושים נפשם עיקר וגופם טפילה כמבואר בתניא פרק לב, יעמולט איז דער גוף אויך ניט אין גלות.

ועד"ז איז אויך בנוגע די תורה וואס ער לערנט בטרם צאתו מרחם אמו, אז וויבאלד בפנימיות איז דאס בא אים דא, איז כאטש אז בגלוי האט ער דאך פארגעסן איז אבער מצד דעם וואס בפנימיות האט ער דאס, ווירקט דאס אויך אויף די כחות הגלויים.

איז אבער אחרי כל זה, טענה׳ט א איד, לא ידעתי כי נער אנכי, וואס הייסט מען מיר כובש זיין דעם גוף ונה"ב, דעם גוי אשר בקרבך, ביז אויך די ענינים שמחוץ ממנו, די גאנצע וועלט, בשעת אז נער אנכי, ודיו להפקיע את עצמו, הלואי זאל ער אליין בלייבן גאנץ?

ענטפערט אים דער אויבערשטער, אל תאמר נער אנכי גו׳ אל תירא מפניהם, כי אתך אני. דו גייסט מיט מײַנע כחות, ד.ה. אז נוסף אויף דעם וואס א איד האט א נשמה, חלק אלקה ממעל ממש, נאך בטרם אצרך בבטן, און נוסף אויף דעם וואס מלמדין אותו כל התורה נאך בטרם הצא מרחם, נוסף לזה, איז בשעת ירידתו למטה ובזמן הגלות, יעמולט גופא גיט מען אים כחות מלמעלה, כי אתך אני, וואס מצד דעם קענסטו און דארפסטו טאן די עבודה ניט נאר אויף ראטעווען זיך נאר אויפטאן אויך מיט דער וועלט, אין ביידע קווין, סיי אין קו פון

*זיינען

הנחה בלתי מוגה

סור מרע – לנתוש ולנתוץ גו׳, סיי אין קו פון ועשה טוב – לבנות ולנטוע.

און נאך מער זאגט מען אים – אל תיחת מפניהם פן אחיתך לפניהם. זאלסט זיך ניט איינריידן, אז דו וועסט זיך מסתפק זיין מיט ראטעווען זיך, מיט דער וועלט וועסטו ניט טאן מצד דער טענה נער אנכי, און דו וועסט טאן מערניט ווי אויף באווארענען זיך און זאגן אני את נפשי הצלתי, זאגט מען אים, אז וויבאלד דו געפינסט זיך שוין אין א גוף ונה"ב און אין עוה"ז הגשמי, איז דער מצב פון וועלט נוגע אויך דיר, און אויב דו ווילסט באווארענען דעם פן אחיתך לפניהם, איז אל תחת, און זאלסט מאכן די וועלט פאר א כלי צו אלקות.

און די הפטרה לייענט מען אין דעם ערשטען שבת פון בין המצרים, וואס דאס איז דאך דער ענין פון זמן הגלות. בשעת א נשמה איז יורד אין תלתא דפורעניתא, אין ג׳ עולמות בי"ע, וואס אין בריאה הויבט זיך דאך שוין אן א מציאות הרע, איז דאס א ענין פון תלתא דפורעניתא, איז באלד דעם ערשטן שבת פון תלתא דפורעניתא, לייענט מען די הפטרה פון ירמי׳, מען זאגט אן א אידן דעם סדר העבודה, ער זאל זיך ניט אפשרעקן פון דעם זמן הגלות, און כאטש אז מבזין אותו, מען טענה׳ט אז ער שטאמט גאר (חסר קצת), זאל ער וויסן אז ירמי׳ איז מן הכהנים אשר בענתות מיטן גאנצן יחוס, און מען דערציילט אים די אלע כחות וואס ער פארמאגט, און ער זאל טאן זיין ארבעט פון נביא לגוים נתתיך, וואס דאס וועט ברענגען אז גאר אין גיכן וועט קומען פנחס זה אלי׳, און אנזאגן אונז אז מארגן קומט משיח, אויסלייזן אונז בגאולה השלימה והאמיתית.

ט. ציוה לנגן ואמר את המאמר דא"ח קודש ישראל.

י. ס׳איז דאך שבת מברכים אב.

די נעמען פון די חדשים, איז אע"פ שעלו עמהם מבבל, פונדעסטוועגן וויבאלד אז דאס איז דאך צוגענומען געווארן בא אידן, מוז מען דאך זאגען אז דאס האלט אויס אויך ווי דאס איז מצד הקדושה, איז דאך ניט פארשטאנדיק, ווי קומט עס אז דער חודש אויף וועלכען עס שטייט אז משנכנס ממעטין בשמחה, איז דער חודש דוקא זאל ווערן אנגערופן מיטן נאמען אב, וואס דאס גייט אויף אבינו שבשמים?

איז דער ביאור אין דעם, וואו דריקט זיך אויס די אהבת אב אל הבן, דוקא ווען דער בן פירט זיך אויף שלא כדבעי. בשעה דער בן פירט זיך אויף כדבעי, און האט פארשידענע מעלות, איז דאך אפילו א פרעמדער, וכמ"ש א קרוב (ניט קיין טאטע), האט אים אויך ליב, און געבן אים את כל צרכיו, איז יעמולט דריקט זיך דאך ניט אויס די אהבת האב. וואו דריקט זיך די אהבת האב, בשעת אז דער בן איז א חוטא ופושע כו׳, ואעפ"כ האט אים זיין פאטער ליב, מערניט ווייל ער איז אביו, דארטן דריקט זיך אויס די אהבה עצמית של האב להבן.

די זעלבע זאך איז בנוגע די אהבה וואס ס׳איז דא צווישן אידן מיטן אויבערשטן.

הנחה בלתי מוגה